# פרשת קדושים - אמור ל' ניסן - י"ג אייר תשפ"ב לפ"ק

***יום שלישי פרשת קדושים***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה, אחר ששהה כמה ימים בפאלם ספרינגס למנוחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבנין הישיבה גדולה החדש באיסט פלעטבוש, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך לתלמידי הישיבה גדולה.

בתחלת השיעור פתח **רבינו שליט"א** בדברים מיוחדים לתלמידי הישיבה, לרגל חנוכת הבנין החדש, אכסניא של תורה לתלמידי הישיבה גדולה.

***וזה תוכן הדברים:***

**עס** איז דא א התחדשות ב"ה, סיי עס איז א פרישע זמן, און סיי עס איז א פרישע מקום, א דירה נאה וואס איז מרחבת דעתו של אדם (ברכות נז:), עס גיט צו, צו די הרחבת הדעת, אז מען זאל קענען זיצען און לערנען. מען ווייסט אז ביי תורה איז התחדשות א גרויסע ענין, בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים (רש"י דברים ו-ו), תורה דארף זיין שטענדיג אזוי ווי ניי. און כל שכן ווען עס איז חדשים, ווען עס איז ניי, האט עס אוודאי א השפעה אויפן מענטש.

**עס** איז א נייע זמן. א בחור דארף האבן א שאיפה, וואס ער וויל אנקומען דעם זמן. עס איז די צווייטע העלפט פונעם יאר, און עס ענדיגט זיך א יאר, וואס מען האט געלערנט. און מען דארף האבן א שאיפה, וואס גיי איך קונה זיין אי"ה דעם זמן. די פאר וואכען וואס איז דא ביז צום קעמפ, און נאכדעם איז דא א לאנגע קעמפ וואס מען קען קונה זיין. און יעדער דארף מאכען פאר זיך א קבלה, וויפיל ער שפירט אז ער קען אנקומען. איינער וויל ענדיגען די מסכתא, איינער וויל ענדיגען 'ובהם נהגה', איינער וויל ענדיגען שלחן ערוך, הלכות בישול און שהיה והטמנה, מען דארף זיך מאכען א סדר, וואס מען וויל אנקומען. אז מען האט נישט קיין סדר, שטערט עס פון די הצלחה פונעם בחור. אז מען נעמט זיך פאר, איך האב א ציל וואו איך וויל אנקומען, דאס גיט דעם שטופ אז ער זאל עס קענען גומר זיין.

**יעדער** האט שוין נעכטן טועם געוועוען דעם טעם פון די דירה נאה וואס איז מרחבת דעתו של אדם, עס איז ב"ה א שיין פלאץ צו לערנען, א שיין פלאץ צו שלאפן, עס איז נישט דא קיין שום תירוץ, אז א בחור זאל האבן א מניעה פון לימוד התורה. די בחורישע יארן וואס מען האט, זענען די שענסטע יארן. מען זאל עס אויסנוצען ווי עס דארף צו זיין, צו קענען אויסוואקסען און אויסשטייגען.

*

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והגיע לניחום אבלים אצל משפחת מרת וואלהענדלער ע"ה (אלמנת הר"ר **חיים שמואל וואלהענדלער** ע"ה).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א (מנהל הת"ת בב"פ), עב"ג בן הר"ר **ליפמאן לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום רביעי פרשת קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

### קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הלילה התקיים שמחת קשר החיתון באירוסי נכד כ"ק **מרן רבינו שליט"א**, החתן הנש"ק הב' **יחזקאל שרגא** שליט"א, בן הרה"ג **רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', עב"ג הכלה בת **הגה"צ רבי קלמן יהושע באב"ד שליט"א אב"ד דראהביטש** (בן הגה"צ אב"ד טארטיקוב לאנדאן זצ"ל, חתן הרה"ג רבי ירמי' טייטלבוים שליט"א).

השמחה התקיימה בבית אבי הכלה שליט"א, בהשתתפות הסב **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, והרבנים קרובי המשפחה שליט"א. אחר שתיית לחיים זימרו ניגוני שמחה לכבוד השמחה הרוממה.

*

***יום חמישי פרשת קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור**

החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת פרשת קדושים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **חיים מרדכי** נ"י בן הר"ר **צבי פיש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת קדושים***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד החתן בנש"ק **יחזקאל שרגא כ"ץ** נ"ו. אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** בריקוד מיוחד עם נכדו החתן **יחזקאל שרגא** נ"ו, ועם החתן **יחיאל יהודא רוב** נ"ו.

* * *

***יום ראשון פרשת אמור***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **שמואל יחזקאל שפארן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ז סעיף ז') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דבר** אל בני ישראל ואמרת אליהם, קדושים תהיו, כי קדוש אני ה' אלקיכם (ויקרא יט-ב). רש"י זאגט, פרשה זו בהקהל נאמרה, שרוב גופי תורה תלויין בה. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער לשון קדושים 'תהיו'. ער וואלט געדארפט זאגן אזוי ווי מען זאגט ביי א ציווי, 'היו' קדושים, עטץ זאלטס זיין קדושים. פארוואס זאגט ער קדושים 'תהיו', הייליג וועט עטץ זיין. נאכדעם זאגט ער, 'דבר' אל בני ישראל 'ואמרת' אליהם. דיבור און אמירה איז דאך די זעלבע. פארוואס הייבט ער אן, רעד צו זיי, און זאג צו זיי. און עס איז זיך אויך סותר, ווייל דיבור איז א לשון קשה, און אמירה איז א לשון רכה. רעדט מען דא פון א דיבור קשה, צו מען רעדט פון אמירה רכה. וואס איז דער 'דבר' אל בני ישראל 'ואמרת' אליהם.

**מען** געפונט שפעטער אין די פרשה (ויקרא כ-ז), אז עס שטייט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט, והתקדשתם והייתם קדושים, עטץ זאלטס ענק הייליגן, וועט עטץ זיין הייליג. זאגט די גמרא (יומא לט.), אדם מקדש עצמו מעט, מקדשין אותו הרבה. והתקדשתם, עטץ זאלטס ענק הייליגן אביסל, און אז דו וועסט טון דיינס, דו וועסט זיך הייליגן אביסל, וועט מען דיך מקדש זיין אסאך. אדם מקדש עצמו מלמטה, מקדשין אותו מלמעלה, ווען א מענטש איז זיך מקדש דא אונטען, טוט מען אים מקדש זיין פון אויבן. אדם מקדש עצמו בעולם הזה, מקדשין אותו בעולם הבא, די קדושה פון א מענטש וואס קען זיך מקדש זיין, איז אויף די וועלט. אבער אז ער האט זיך מקדש געווען אויף די וועלט, טוט אים דער אייבערשטער מקדש זיין אין עולם הבא.

**קומט** אויס, אז די מצוה פון קדושים איז, אז א מענטש דארף מאכן די התחלה. און אויב ער מאכט די התחלה, ער איז זיך מקדש, איז דא אן הבטחה פונעם אייבערשטען, והתקדשתם, והייתם קדושים, איך וועל ענק צוגעבן מער קדושה פון וויפיל עטץ האטס אליין גענומען אויף ענק. מקדשין אותו הרבה, מקדשין אותו מלמעלה, מקדשין אותו לעולם הבא.

**וועגן** דעם האט די תורה נישט געשריבן סתם 'היו' קדושים, עטץ זאלטס זיין הייליג. ווייל היו קדושים איז נאר א ציווי וואס אונז זאל מיר טון. די תורה וויל אבער זאגן, אז ווען דו וועסט טון וואס דו דארפסט, זיך מקדש צו זיין, וועט עטץ זיין הייליג. עס איז דא א הבטחה, אז ווען א מענטש איז זיך מקדש מעט, וועט מען אים מקדש זיין הרבה. זאגט נישט די תורה היו קדושים, ווייל דאס איז נאר די ציווי אז מען זאל זיך מקדש זיין. קדושים 'תהיו' איז כולל אין זיך ביידע לשונות. קדושים תהיו, עטץ זאלטס זיין הייליג. און

קדושים תהיו, ווען עטץ וועטס זיין הייליג, וועט עטץ ווערן הייליג.

**קומט** אויס, אז אין דעם דיבור פון קדושים תהיו, איז דא א חלק וואס איז א דיבור קשה, און א חלק וואס איז אן אמירה רכה. דער חלק אז א מענטש זאל זיך מקדש זיין, א מענטש איז דאך א חומר פונעם גוף, און ער גליסט נאך אלע עניני עולם הזה, און ער דארף זיך פורש זיין. קדושים תהיו, דאס איז א דיבור קשה, מען זאל קענען זיין קדושים. אבער אין די ווערטער פון קדושים תהיו ליגט אויך א אמירה רכה, עס איז דא א הבטחה, אז טאמער א מענטש וועט זיך מקדש זיין, וועט ער זיין הייליג. דער חלק, די הבטחה וואס ליגט אינעווייניג, דאס איז דער אמירה רכה.

**פרשה** זו בהקהל נאמרה, כדי מען זאל זיך קענען מקדש זיין, דארף מען האבן א גוטע סביבה, גוטע חברים, א גוטע חברותא, ווייל הרבה חברותא עושה (סוטה ז.). ווען א מענטש וויל זיך פירן ערליך, אויב ער האט גוטע חברים, איז איש לרעהו יאמר חזק, טוט איינער מחזק זיין דעם צווייטן, איינער שלעפט נישט אראפ דעם אנדערן, און מען קען זיין קדושים. ווען א מענטש גייט פאר זיך עקסטער, און ער לעבט זיך זיין וועלט, און ער איז נישט מיט א חברותא אינאיינעם, איז שווער אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך. מען זעהט אז די אלע וואס ווילן אנהייבן צו גליטשן, און אוועקצוגיין פונעם ריכטיגן וועג, די ערשטע זאך האקט ער אפ פון זיין בית המדרש, און ער האקט אפ פון זיינע חברים וואס ער האט געהאט, ער מופט אוועק אין א ווינקל ווי קיינער זאל אים נישט איינטיילן, און זעהן וואס ער טוט. אזוי איז דער סדר. ווילאנג מען איז בהקהל, ווי לאנג מען איז צוזאמען, קען מען זיין קדושים. און אז מען וויל אוועקגיין פונעם קדושים, גייט מען אוועק פונעם הקהל.

**ווען** משה רבינו האט געוואלט איבערגעבן די מצוה פון קדושים תהיו. פרשה זו בהקהל נאמרה, די פרשה פון קדושים תהיו, דאס איז תלוי ווי אזוי א מענטש איז בהקהל, ווי שטארק ער איז צוזאמען. אויב ער איז זיך מחבר איינער מיטן צווייטן, ער האט א חברותא צוזאמען, דעמאלטס איז דא די הבטחה פון קדושים תהיו, אז מען וועט זיין הייליג.

*

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א**, להשתתף בשמחת התנאים של נכדו החתן המופלג בתוי"ש הרב **יחזקאל שרגא** שליט"א, בן הרה"ג **רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', עב"ג הכלה הבתולה המהוללה תחי', בת הגה"צ **רבי קלמן יהושע באב"ד שליט"א אב"ד דראהביטש** (בן הגה"צ אב"ד טארטיקוב לאנדאן זצ"ל, חתן הרה"ג רבי ירמי' טייטלבוים שליט"א), שהתקיימה ברוב פאר והדר באולם ליפשיץ, בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ קרובי ומחותני המשפחה שליט"א.

אחר שתיית לחיים נתכבד הסב **הרה"ג רבי ירמי' טייטלבוים שליט"א** בקריאת התנאים. לאחר שבירת הצלחת פרצו כל הקהל בשירה וזמרה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה.

במשך התנאים עברו מאות אנ"ש תלמידים וחסידים לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א. ויהא רעוא שמשמחה זו יושפע שמחה ורב טוב לנו ולכל בני ישראל.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אודה** ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו, די ערשטע זאך גיט א יוד אפ א שבח והודאה פארן אייבערשטען. איך דאנק דעם רבונו של עולם, אז דער אייבערשטער האט צוגעשיקט פאר מיין חשוב'ען אייניקל יחזקאל שרגא, א זיווג הגון, פון אזא חשובע שטוב פונעם מחותן דער דראהביטשער רב. דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן צוזאמען א בית נאמן בישראל.

**ווען** מען הייבט אן צו ליינען די תנאים, זאגן מען, המגיד מראשית אחרית, הוא יתן שם טוב ושארית, לאלו דברי התנאים והברית. מען גיט דעם טיטול פארן אייבערשטען, אז דער אייבערשטער איז דער מגיד מראשית אחרית (ישעיה מו-י), זאכן וואס עס פאסירט שפעטער, זאגט שוין דער אייבערשטער פון פריער. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דאס איז צוגעפאסט צו א זיווג פון א מענטש. וואס כאטש דער זיווג געשעהנט יעצט, אבער דאס איז שוין אנגעשריבן ארבעים יום קודם יצירת הולד, וואס מען רופט אויס, בת פלוני לפלוני (סוטה ב.), עס איז המגיד מראשית אחרית, וואס עס געשעהנט אין אחרית, איז שוין אויסגערופן געווארן מראשית. שידוכים איז א זאך וואס דער אייבערשטער טוט מזווג זיין, הקב"ה

יושב ומזווג זיווגים (ב"ר סח-ד), און יעדער זיווג פון א מענטש איז שוין אנגעגרייט. ווען ער קומט אראפ אויף די וועלט, איז דאך דא זיין תפקיד וואס ער דארף אויפצוטון אויף דעם עולם. טוט אויך דער אייבערשטער צושטעלן זיין זיווג, וואס צוזאמען זאלן זיי קענען אויפשטעלן א ערליכע יודישע שטוב.

**עס** שטייט אין די גמרא (מועד קטן יח:) א מימרא פון רב. אז רב האט געזאגט, מה' אשה לאיש, א ווייב פאר א מאן איז פונעם אייבערשטען. און עס איז דא דערויף א פסוק אין תורה ונביאים וכתובים. אין תורה איז דער פסוק (בראשית כד-נ), אז מען געפונט ביי דעם שידוך פון יצחק מיט רבקה, אז מען איז געקומען צו בתואל און לבן אין שטוב, און לבן האט געזאגט, מה' יצא הדבר, עס איז ארויס פונעם אייבערשטען, לא נוכל דבר אליך רע או טוב, מען קען נישט זאגן גוטס אדער שלעכטס. עס איז מה', עס איז פונעם אייבערשטען. פון דעם פסוק זעהט מען, אז מה' אשה לאיש.

**און** עס דארף האבן א ביאור. נאר אשה לאיש איז מה'?! יעדע זאך איז פונעם אייבערשטען! יעדע ריר וואס א מענטש קען זיך רירן, און אז דער אייבערשטער העלפט אז מען איז געזונט, און מען האט פרנסה, און אלע אנדערע צרכים וואס דער מענטש האט אויף די וועלט, איז אלעס מה', אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן. וואס איז דער ענין אז ביי א זיווג זאגט מען, מה' יצא הדבר, עס איז ארויס פונעם אייבערשטען.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז. עס איז דא א ספר **מעשה איש**, תולדות פונעם **חזון איש**. דארט שטייט (ח"ב דף רג), אז דער חזון איש פלעגט צו זאגן, כאטש אונז לעב מיר אין א הסתרת פנים, אונז זעה מיר נישט קיין יד ה', אלעס קען מען דאך אנלייגן אז עס איז געווען במקרה, און עס האט פונקט אזוי פאסירט. עס איז דער מזל, אדער אנדערע ענינים וואס האט צוגעברענגט דערצו. האט ער געזאגט, אז דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט ביי דעם זיווג פונעם מענטש, ווי יעדער איינער זעהט אז עס איז א יד ה'! עס איז נישט זאכן וואס פירן זיך בדרך הטבע. אלע ענינים פון א זיווג, ווי אזוי עס קומט זיך צוזאם, און ווי אזוי עס ווערט אויסגעשטעלט, קען יעדער זעהן דארטן, אז עס איז נישט צוזאמגעשטעלט מיט קיין מענטשליכע שכל. עס איז נאר דורך א געטליכע האנט וואס האט צוזאמגעשטעלט דעם זיווג.

**און** ער ברענגט דארט צו, אז דער חזון איש האט אמאל געזאגט פאר זיין שוועסטער, די רביצין קניבסקי, איך וועל דיר ווייזן ווי אזוי א זיווג איז פונעם אייבערשטען. ביי אונז אין שטוב דרייט זיך ארום א בחור, וואס באדינט דארט אין שטוב פונעם חזון איש. און מען איז געקומען פרעגן פונעם חזון איש אויף דעם בחור, וועגן א שידוך. האט מען געפרעגט, ער איז א ירא שמים? האט דער חזון איש געענטפערט דערויף, יראת שמים האט דאך נישט קיין שיעור, עס איז דא אסאך וואס זענען גרעסערע ירא שמים פון אים. זאגט ער, אוודאי האט עס נישט קיין שיעור. פרעגט ער ווייטער, ער קען לערנען? זאגט דער חזון איש, עס איז דא אסאך וואס קענען מער לערנען פון אים. זאגט ער, נו, אז מען קען לערנען, עס איז נאר דא אסאך וואס קענען מער לערנען. איז ער א בעל מדות? האט דער חזון איש געזאגט, עס איז דא מענטשן וואס זענען מער בעלי מדות פון אים. זאגט ער, איז דאך גוט. אוודאי, ביי יעדע זאך איז דא מער, פון וואס דער מענטש איז. און דער שידוך איז געווארן.

**האט** דער חזון איש געזאגט, א נארמאלער מענטש וואלט דאך פארשטאנען, אז ווען מען זאגט אזא אויסקומפט, איז דאך דער טייטש, אז עס איז נישט צוגעפאסט. אבער אז מען וויל פון הימל אז דער שידוך זאל ווערן, גיט מען אריין אינעם שכל פונעם מענטש, אז מען זאל הערן וואס מען דארף צו הערן, און ווי אזוי מען זאל עס אויסטייטשן. צו ווייזן אז דאס איז א געטליכע האנט פונעם אייבערשטען וואס שטעלט צוזאם זיווגים.

**ער** ברענגט דארט צו, אז איינער האט זיך אמאל אפגערעדט פארן חזון איש, אז די שטוב זיינע איז א שוואכע שטוב. און אלע שידוכים וואס מען טראגט אן, רעדט מען אפ פונעם שידוך. האט דער חזון איש געזאגט, ווען עס וועט אנקומען די ריכטיגער שידוך, וועט מען נישט הערן, און מען וועט נישט זעהן, און מען וועט נישט צוקומען צו פרעגן יענעם. דו דארפסט באדאנקען פאר די אלע וואס האבן אפגערעדט דעם שידוך, ווייל עס איז געווען

לטובתך, אז דו זאלסט קענען צוקומען צו דעם שידוך וואס דו דארפסט צוקומען.

**אוודאי** איז יעדע זאך מה', עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט וואס איז פון זיך אליין. אבער אונז זעה מיר נישט אז עס איז מה'. מען קען זיך איינרעדן אסאך מאל, אז כוחי ועוצם ידי עשה את החיל הזה. אבער אשה לאיש איז מה', דאס קען יעדער איינער זעהן, אז שידוכים וואס קומען זיך צוזאם, איז מה'. אז עס זאל זיך קענען צוזאמקומען א שידוך פון יצחק מיט רבקה, און לבן דארף זיין דער מבין דערויף, און לבן זאל מסכים זיין צו א שידוך, און ער זאל זאגן מה' יצא הדבר, לא נוכל דבר אליך רע או טוב. ווען ער וואלט געוואלט רעדן טוב ורע, האט ער דאך געקענט רעדן, און מען האט געדארפט קומען פון הימל און זאגן, ער זאל נישט רעדן צו יעקב מטוב עד רע (בראשית לא-כד). און ער זאגט לא נוכל דבר אליך רע או טוב, איז א ראיה אז א זיווג איז מה', עס איז פונעם אייבערשטען. עס איז המגיד מראשית אחרית, יעדער זיווג פון א מענטש איז אנגעשריבן פון אויבן.

**איך** וויל אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, דער חשובער חתן איז געזעסן און געלערנט באהלה של תורה, א גרויס חלק פונעם ערשטן חלק יורה דעה האט ער יעצט געלערנט און זיך פארהערט דערויף. און דער אייבערשטער האט אים אריינגעפירט אין אזא חשוב'ע שטוב פונעם דראהביטשער רב זאל זיין געזונט. א שטוב פון תורה, א תלמיד חכם עצום, א ירא שמים, א ווארימע חסידישע שטוב וואס ער האט אויפגעשטעלט. עס איז זיכער דא צו האפן, אז עס וועט ארויסקומען א כבוד שמים פון דעם שידוך, אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן דורות נאמנים פארן אייבערשטען.

**איך** וויל אפגעבן א מזל טוב פארן חשובן זיידן רבי ירמי' טייטלבוים, וואס האט אויפגעשטעלט אזעלכע שיינע ערליכע יודישע דורות. אונז זעמיר משפחה, די רביצין איז א סעמיהאי'ער איניקל (נכדת **הגה"צ רבי ישעי' פאללאק זצ"ל** אב"ד וואדקערט, חתן **הגה"ק רבי יהודה גרינפעלד זצ"ל** אב"ד סעמיהאלי), און רבי ירמי'ס רביצין איז אויך א סעמיהאי'ער איניקל (בת **הגה"צ רבי משה ארי' לעוו זצ"ל** אב"ד טעמעשוואר, נכד **הגה"ק רבי יהודה גרינפעלד זצ"ל** אב"ד סעמיהאלי). דער אייבערשטער זאל העלפן, זכות אבות יגן עלינו, די זכותים פון די עלטערן זאלביישטיין פאר אונז, אונז זאל מיר קענען ווייטער ממשיך זיין דעם שלשלת הזהב, די גאלדענע קייט.

**איך** וויל וואונטשען א מזל טוב פאר מיין זון רבי יואל משה מרדכי זאל זיין געזונט, וואס כל ימיו איז ער באהלה של תורה, און נוצט אויס יעדע מינוט צו שטייגן. דער באשעפער האט אים געגעבן די זכיה, אז ער האט אויפגעשטעלט אזא שיינע ערליכע שטוב, און עס שפינט זיך ווייטער. - איך וויל געבן א מזל טוב פאר מיין חשוב'ן מחותן דער ווזשניצער רבי זאל זיין געזונט, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי אלע זייערע קינדער און אייניקלעך. - איך וויל וואונטשן פאר די אלע משתתפים, דער אייבערשטער זאל געבן שמחות און נחת ביי ענקערע שטובער, דורות ישרים ומבורכים. מען זאל זיך קענען צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

<u>*יום שני פרשת אמור*</u>

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של הר"ר **יששכר דוב נאה** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

<u>*וזה תוכן הדברי תורה:*</u>

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (קמט-ו) רוממות א-ל בגרונם, יודען טוען מרומם זיין דעם אייבערשטען מיט זייער האלדז, דאס דערהויבענקייט פונעם אייבערשטען איז אין זייער האלדז. וחרב פיפיות בידם, און אין זייערע הענט האבן זיי א חרב וואס איז שארף. לעשות נקמה בגוים, תוכחות בלאומים, ווי דער פסוק ענדיגט ווייטער. אין מדרש (עיין **בדרך פקודיך** מצות מילה) שטייט, אז דאס גייט ארויף אויף די מצוה פון ברית מילה. חרב פיפיות בידם, גייט ארויף אויף דעם סכין של מילה וואס מען מל'ט דאס קינד, דאס איז א חרב פיפיות. וועגן דעם איז דער מנהג אז דער סכין של מילה איז שארף פוןביידע זייטען, ווייל דער פסוק זאגט 'פיפיות', עס האט צוויי פיות, עס איז אויסגעשארפט פון ביידע זייטן. וואס איז

דער קשר, רוממות א-ל בגרונם, זיי האבן דעם רוממות פונעם אייבערשטען אין זייער האלדז, און וחרב פיפיות בידם, אז זיי האבן די מצוה פון מילה אין זייער האנט.

**יעדע** מצוה, אויסער די חשיבות פון די מצוה אליין, ליגט דערין א געוויסע סגולה וואס פעלט אויס פאר יודען. די מצוה פון מילה האט אין זיך א סגולה, אויף די גאולה העתידה. די מצוה פון מילה איז א סגולה אז יודען זאלן ווערן אויסגעלייזט, און מען זאל זוכה זיין צו די גאולה. מען זעהט, ווען מען איז געווען אין מצרים, און מען האט געדארפט האבן זכותים מען זאל קענען ארויסגיין פון מצרים, ואת ערום ועריה, האט דער אייבערשטער זיי געגעבן צוויי מצות, דם פסח און דם מילה. זעהט מען אז דם מילה איז א זכות אז מען זאל קענען ארויסגיין פונעם גלות. די זעלבע איז די גאולה העתידה וואס יודען ווארטען דערויף, וועט אויך זיין אין זכות פון מצות מילה. עס איז דא א פסוק אין נ"ך (זכריה ט-יא), גם את בדם בריתך שלחתי אסיריך, טייטשען די מפרשים אויפן פלאץ. בדם בריתך, אין דעם זכות וואס יודען מל'ן זיך, שלחתי, וועט דער אייבערשטער ארויסשיקן, אסיריך, יודען וואס זענען איינגעשפארט אינעם גלות. קומט אויס, אז די מצוה פון מילה איז מעורר אויבן אין הימל, אז דער אייבערשטער זאל אויסלייזען יודישע קינדער. מצות מילה איז א מצוה וואס אפילו גאנץ פשוטע יודען, וואס זענען זייער ווייט פון אנדערע מצות אין די תורה, פון דעסטוועגן דאך, די מצוה קבלו עליהם בשמחה, און עדיין עושין אותה בשמחה, האט עס א עקסטערע חשיבות.

**אויף** לעתיד לבוא שטייט (סוכה נב.), אז דער אייבערשטער וועט נעמען דעם יצר הרע, און ער וועט אים שחט'ן. ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ (זכריה יג-ב), דער אייבערשטער וועט אוועקנעמען די רוח הטומאה פון די וועלט, ומלאה הארץ דעה את ה', כמים לים מכסים (ישעיה יא-ט), עס וועט נישט זיין נאר דער אייבערשטער. יודען וועלן זיצן מיטן אייבערשטען, צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה. ווי אזוי שחט דער אייבערשטער דעם יצר הרע? שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדע זאך האט אין זיך א ניצוץ פון קדושה, און אן די ניצוץ פון קדושה, וואלט זיך עס נישט געקענט האלטן. ווען מען נעמט אוועק דעם ניצוץ פון קדושה וואס איז דא דערין, ווערט עס בטל, און עס האט נישט קיין כוח אז עס זאל זיך קענען האלטן.

**דער** יצר הרע ווערט אנגערופן מיטן נאמען סמא"ל. די אותיות ס"מ איז פון די צד פון קליפה, און די אותיות א"ל, וואס דאס איז דעם אייבערשטענס נאמען, דאס איז דער ניצוץ וואס איז מחיה, דאס גיט דעם כח פארן יצר הרע. לעתיד וועט דער אייבערשטער נעמען די אותיות א"ל וואס איז דא אינעם ס"מ, און ער וועט עס אוועקנעמען, וועט נאר בלייבען די אותיות ס"מ, און ס"מ פאר זיך אליין, האט נישט קיין כח, וועט עס בטל ווערן.

**קומט** אויס, אז דורך די מצוה פון מילה וואס יודען זענען מקיים, וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה, אז דער אייבערשטער וועט אוועקנעמען דעם שם א"ל, וואס איז דא אינעם ס"מ, און רוח הטומאה אעביר מן הארץ. זאגט מען, רוממות א"ל בגרונם, יודען זענען מתפלל אז דער אייבערשטער זאל שוין מרומם זיין דעם א"ל וואס איז דא אינעם ס"מ, און ער זאל עס אוועקנעמען. ווי אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו דעם רוממות א"ל, 'וחרב פיפיות בידם', אונז האב מיר די מצוה פון מילה, וואס די מצוה פון מילה איז מקרב די גאולה, דאס וועט צוברענגען דערצו, אז רוח הטומאה אעביר מן הארץ.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, וקבע מזוזה בכניסה הראשית של הבנין החדש. אחר כך מסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נכנסו ראשי הנהלת 'בוני עולם' **אצל רבינו שליט"א** לקבל ברכת הקודש לקראת פתיחת משרד חדש בעיר וויליאמסבורג.

*מתוך השיחה:*

**רבינו:** איך האב נעכטען ארייגעקוקט אין **מעשה איש** פונעם **חזון איש**, ברענגט ער דארט (ח"ב דף רד), אז עס איז אמאל אריינגעקומען א יוד צום חזון איש, איבערצושמועסן וועגן זיינס א טאכטער וואס קען נישט האבן קיין קינדער. א שטיק צייט שפעטער איז געקומען א צווייטע משפחה, און זיי האבן געזאגט

אז מען טראגט זיי אן א שידוך, יענעמס טאכטער. און זיי האבן נישט געוואוסט פונעם פראבלעם וואס דער חזון איש האט געוואוסט. האט דער חזון איש געזאגט, אז ער איז געווען אין א פארלעגענהייט וואס ער האט צו טון. צו דארף ער פארציילען וואס ער ווייסט, צו וויבאלד מען האט מיר געטרויעט מיט א סוד, טאר איך נישט ארויסגעבן דעם סוד ווייטער. וואס וואלט איר געפסקנ'ט?

**הר"ר שלמה באכנער:** עס איז דא א אפענע **חפץ חיים** אויף דעם, דער חפץ חיים (הל' רכילות כלל ט' בסופו) ברענגט צו ממש אזא ענין, לויט ווי איך געדענק, זאגט ער, אז טאמער עס איז א דבר רפואה, וואס קיינער ווייסט נישט דערפון, אבער עס קען זיין ממש... איז ער מחוייב צו זאגען.

**רבינו:** אפילו ווען יענער האט עס געזאגט אלץ סוד?! דאס פרעג איך.

**הר"ר שלמה:** דער חפץ חיים רעדט נישט פון די נקודה.

**רבינו:** דער חפץ חיים רעדט אלץ לשון הרע. ווען איך זעה אז יענער פאלט אריין אין א געשעפט וואו ער וועט פארלירן געלט, מעג ער זאגען אז יענער איז א גנב, און יענער איז אזוי און אזוי, עס איז נישט קיין לשון הרע. איך גיי נישט סתם פארציילען שלעכטס, נאר איך גיי פארציילען אז יענער זאל נישט אריינפאלען. די שאלה ביים חזון איש איז געווען, א רב וואס מען דערציילט אים עפעס, און שפעטער קומט א צווייטער פרעגן אויף דעם, צו מעג ער דערציילען, אדער ער טאר נישט. איך זאג וואס עס שטייט דארט [איך ווייס נישט ווי קראנט עס איז], אז דער חזון איש האט געזאגט, אז ער האט מחליט געווען, אז ווען מען גיט אין איינעם אימון (טראס"ט), טאר ער עס נישט ארויסגעבן, און ער גייט נישט פארציילען. אז מען האט אים געזאגט אז עס איז א סוד, איז עס כאילו ער ווייסט נישט, און ער קען נישט אויף דעם ענטפערן. און ער האט נישט געזאגט, אז ער זאל נישט טון דעם שידוך. און ער האט אויף זיי מתפלל געווען יעדן טאג, אז זיי זאלן האבן קינדער. און צום סוף האבן זיי געהאט קינדער. און דער חזון איש האט געזאגט, אז ווילאנג זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, איז ער נישט געווען רואיג.

**הר"ר שלמה:** דער אמת איז טאקע אזוי, די אלע מנהיגים פון קהלות, ער ווייסט דאך וואס גייט פאר, וואס טוט ער ווען איינער קומט פרעגן. זאגט ער יא, זאגט ער נישט?

**א' מהנוכחים:** איך האב אמאל געהערט פון רבי שלמה, אז דער בעלזער רב האט געהאט א גבאי וואס האט געהאט א טאכטער מיט א פראבלעם, און איינער האט זיך משדך געווען מיט אים, און נאכדעם איז ער געקומען צום בעלזער רב, און דער בעלזער רב האט נישט געוואוסט דערפון, ווייל דער גבאי האט קיינמאל נישט דערציילט פארן רבי'ן. האט דער בעלזער רב אריינגערופן דעם גבאי, און ער האט אים געזאגט, דו האסט מיר גארנישט געזאגט פון דעם פראבלעם. האט דער גבאי געזאגט, אוודאי האב איך נישט דערציילט פארן רבי'ן, ווייל דער איינציגסטער מענטש וואס קען מיר אזויפיל קאליע מאכען א שידוך, איז נאר דער רבי אליין... - דער סוף איז געווען אז דער בעלזער רב האט געזאגט, אז אזוי ווי מען האט שוין געטון דעם שידוך, זי וועט האבן אריכת ימים ושנים. און זי האט טאקע איבערגעלעבט דעם מאן מיט אסאך יארן. זי איז געווען די קראנקע, און ער האט געדארפט זיין דער געזונטער.

**רבינו:** רבי איסר זלמן מלצר מיט זיין רעבעצין איז אויך געווען די זעלבע. רבי איסר זלמן איז נישט געווען א געזונטער בחור, און מען האט אים אנגעטראגען א שידוך, און דאס מיידל האט געזאגט, אז זי ווייסט אז ער איז נישט געזונט, אבער ער איז א תלמיד חכם, און זי איז גרייט חתונה צו האבן מיט אים. און די עלטערן זענען געגאנגען צום **חפץ חיים**, און זיי האבן געזאגט אז זיי האבן א פראבלעם מיט די טאכטער, די טאכטער וויל נעמען א קראנקן בחור, און דער חפץ חיים זאל זאגען, אז זי האט נישט קיין רעכט צו טון דעם שידוך. האט דער חפץ חיים געזאגט, עס זענען דא קראנקע מענטשען, און עס זענען דא געזונטע מענטשען. עס זענען דא מענטשען וואס האבן אריכת ימים, און עס זענען דא מענטשען וואס האבן קוצר ימים. און די צוויי זאכען זענען נישט פארבינדען איינס מיטן אנדערן. מען קען האבן אריכת ימים קראנקערהייט, און מען קען האבן קיצור ימים געזונטערהייט. האט דער חפץ חיים געזאגט, די נקודה דא איז נישט וועגן לאנג לעבן, נישט דאס איז די שאלה, די שאלה איז נאר צו זי איז גרייט זיך צו פלאגען און לעבן א לעבן מיט א קראנקן מאן. און אויב זי איז גרייט אויף דעם, קען זי טון דעם שידוך. און זי האט געטון דעם שידוך. און רבי איסר זלמן איז געווארן שפעטער ר' איסר זלמן, און ער איז געווען א יוד א זקן, קראנקערהייט, און זי איז אוועק אסאך יארן פריער פון אים.

**הר"ר שלמה:** ביי די לויה האט רבי איסר זלמן געזאגט, מנהג העולם איז, אז מען בעהט מחילה איינער פון צווייטען. איך האב נישט אויף וואס צו בעטן מחילה אויף די אלע יארן וואס מיר זענען געווען צוזאמען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב קאליש** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום שלישי פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל מעמד הכתרה של **הרה"ג רבי יונה לעפקאוויטש שליט"א** לכהן בתור דומ"ץ ביהמ"ד ברכת שלמה זוועהיל, ונשא מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אטיילצונעמען ביי דעם יעצטיגן מעמד פון הרחבת גבולי קדושה פונעם בית המדרש בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א, וואס האט דא אהערגעשטעלט א ווינקל פאר תורה, עבודה, חסידות, יראת שמים. ב"ה מען קוקט ווי אזוי עס ווערט נתרחב די גבולי הקדושה, אזא שיין בית המדרש. דער באשעפער זאל העלפן, מען זאל עס בקרוב קענען צוענדיגן. - און מען קומט זיך צוזאם צו די הכתרה, מען האט אויפגענומען א דיין, א חשוב'ער תלמיד חכם, רבי יונה (לעפקאוויטש) זאל זיין געזונט. וואס איך קען אים פון אלע יארן, ער איז נתגדל געווארן ביי אונז אין די מוסדות, און ב"ה אויסגעוואקסן אזא אילנא רברבא, און אן עמוד פון הוראה, וואס איך האף אז עס וועט זיין א כבוד שמים, נישט נאר פאר די קהלה אליין, נאר פאר די גאנצע געגנט ארום, צו האבן אזא סארט מורה הוראה, וואס זאל קענען ווייטער מרבה זיין תורה וטהרה בישראל.

**די** גמרא (בבא מציעא פה.) זאגט, כל מי שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם. איך קוק צוריק דריי דורות תלמידי חכמים. דער חשוב'ער דיין זאל זיין געזונט, זיין פאטער רבי יוסף, דער זיידע רבי ראובן, און איך וועל צוריק גיין מיט נאך א דור פריער, זייער פאטער רבי יונה ע"ה, וואס עס איז מקויים געווארן ביי אים, דער מוקיר תורה הוה ליה בנין וחתנין רבנן (שבת כג:). עס איז זעלטן צו זעהן אזא מוקיר תורה ווי דער רבי יונה איז געווען. איך האב געלערנט אין נייטרא, מען גייט צוריק מיט איבער פופציג יאר צוריק, וואס ער האט געהאט מסירת נפש פאר די בחורים, זיי זאלן קענען זיצן און לערנען. טאג און נאכט האט ער זיך געזארגט, וואס ער קען ארויסהעלפן אין די ישיבה. דער אייבערשטער האט עס באצאלט, ער האט אויפגעשטעלט דורות פון תלמידי חכמים און ערליכע יודען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער חשוב'ער דיין זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת.

**מען** געפונט ביי משה רבינו, אז ער האט געבעטן פונעם אייבערשטען (במדבר כז-טז), יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, קח לך את יהושע בן נון, נעם יהושע, איש אשר רוח בו וגו', ונתתה מהודך עליו, און יהושע זאל איבערנעמען דעם פלאץ פון משה רבינו. און רש"י ברענגט צו, אז די פרשה האט משה רבינו געזאגט פארן אייבערשטען, נאכדעם וואס ער האט געהערט, אז די בנות צלפחד האבן געבעטן א חלק פון די ירושה פון זייער פאטער, האט ער געטראכט, איך לעב דאך אויך נישט אייביג, עס קומט דאך א צייט, דער אייבערשטער האט דאך געזאגט אז איך גיי אוועקגיין פון די וועלט, און איך דארף זיך אויך זארגן אז מיינע קינדער זאלן איבערנעמען מיין פלאץ. בשעת ער האט געבעטן פונעם אייבערשטען אז דער באשעפער זאל געבן א איש על העדה, האט ער אינזין געהאט, אז דער באשעפער זאל אים זאגן, נעם דיין קינד, און ער זאל זיין דער איש על העדה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שרייבט אין א תשובה (או"ח סימן יב), עס איז דאך זיכער, אז די קינדער פון משה רבינו זענען געווען ראוי צו קענען

איבערנעמען אזא פלאץ פון משה רבינו. משה רבינו, דער עמוד התורה, וואלט נישט געבעטן פונעם אייבערשטען אז מען זאל שטעלן א מנהיג פאר יודען, וואס האט נישט די קוואליפיקאציעס וואס משה רבינו האט געהאט. אז משה רבינו האט דאס געבעטן, איז דאך דער טייטש, אז ער האט געהאלטן, אז זיינע קינדער קענען ערזעצן זיין פלאץ. און ער האט געבעטן, אז דער אייבערשטער זאל געבן זיין מקום פאר זיי.

**דער** אייבערשטער האט געענטפערט פאר משה רבינו, ניין. לא כך עלתה במחשבה לפני, איך האב נישט אזוי געטראכט. איך האב געטראכט, נעם יהושע, נוצר תאנה יאכל פריו (משלי כז-יח), יהושע האט דיך אזוי געטריי באדינט, יהושע בן נון נער לא ימיש מתוך האוהל (שמות לג-יא), ער איז דער נוצר תאנה, ער האט געהיטן אויף די תאנה, יאכל פריו, ער זאל עסן די פירות. אין מדרש (במדב"ר כא-יד) שטייט, אז צו משה רבינו זענען דאך געקומען גאנץ כלל ישראל, און מען האט געלערנט, און מען האט געדארפט צושטעלן טיש און בענקלעך און מחצלאות, אז מען זאל קענען זיצן, און יהושע האט געטון די ארבעט, עס קומט זיך פאר יהושע.

**עס** איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין, אוודאי קומט פאר יהושע א גרויסע שכר אז ער האט באדינט משה רבינו. אבער דאס איז דער שכר? ער דארף איבערנעמען דעם פלאץ פון משה רבינו, צו ווערן דער מנהיג פון יודען. ווייל ער איז געווען דער שמש פון משה רבינו, ער האט געשלעפט די טישן און די בענקלעך, על כן, דאס איז דער שכר אז ער נעמט איבער דעם פלאץ פון משה? און משה רבינו האט קינדער וואס זענען אויך אין די מדריגה, און זיי באקומען עס נישט, מען גיט עס פאר יהושע. עס דארף האבן א ביאור דערין? און אז דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן יהושע, מוז דאך זיין אז דא ליגט אויך א חלק, וואס יהושע האט געהאט מער ווי די קינדער פון משה רבינו.

**צו** זיין א מנהיג ביי יודען, צו זיין א מרביץ תורה ביי יודען, איז נישט גענוג אז מען איז אויסגעוואקסן א תלמיד חכם, און מען ווייסט ווי אזוי צו פסק'נען, ווען מען פרעגט, ווייסט מען ווי אזוי צו ענטפערן. צו זיין א מנהיג ביי יודען דארף זיין איינער וואס זאל זיין אן ארויסהעלפער פאר יודען! זעהן זיך אריינצולייגן, מיצר זיין בצרתן של ישראל, וואו ער קען זיי העלפן, זאל ער העלפן. עס זאל אים פאסן צו טון אלעס וואס כלל ישראל דארף האבן! אוודאי דארף זיין נהוג נשיאתך ברמים, ווי מען געפונט אין די גמרא (כתובות קג:), עס איז דא א געוויסע גדלות וואס א מענטש טאר זיך נישט אראפלאזן. אבער פון די אנדערע זייט איז דא א געוויסע הכנעה וואס ער דארף זיך קענען אראפלאזן צום כלל ישראל, כדי ער זאל קענען נושא חן זיין ביי יודען, און ער זאל קענען ארויסהעלפן פאר יודען וואס עס פעלט אויס.

**יהושע** איז געווען א געוואלדיגער תלמיד חכם, די גמרא (תמורה טז.) זאגט, אז ווען משה רבינו איז נסתלק געווארן, האט ער געזאגט פאר יהושע, איך גיי יעצט אוועק פון די וועלט, טאמער דו האסט נאך עפעס ספיקות וואס דו ווייסט נישט אין הלכה, קענסטו מיך נאך פרעגן יעצט, ווילאנג איך בין דא. האט יהושע געענטפערט פאר משה רבינו, איך האב נישט קיין שום ספק אין קיין שום הלכה, איך האב ביי דיר מקבל געווען כל התורה כולה, און איך קען כל התורה כולה, איך האב נישט וואס דיך איבערצופרעגן! איז דאך טייטש, יהושע איז געווען פון די גרעסטע וואס איז געווען אין כלל ישראל. און עס האט אים געפאסט צו נעמען די מחצלאות, וואס מען דארף צוגרייטן פאר יודען, אז ווען מען קומט אריין צו משה רבינו זאל מען זיך קענען אוועקזעצן, און קענען מכבד זיין יענעם מיט וואס עס פעלט אויס. דאס האבן די קינדער פון משה רבינו נישט געהאט. ביי זיי געפונט מען נישט אז זיי האבן זיך געפארערט ביי משה רבינו, און געזעהן מסדר צו זיין וואס עס פעלט אויס. יהושע האט געהאט די מעלה.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, אמת דיינע קינדער זענען אויך גרויסע תלמידי חכמים, זיי זענען אויך ראוי אז זיי זאלן קענען ערזעצן דיין פלאץ אין תורה, אבער יהושע וואס ער איז געווען דער נוצר תאנה, וואס אים האט געפאסט זיך אפצוגעבן און ארויסהעלפן פאר יעדן יוד וואס איז אריינגעקומען צו משה רבינו, זעהן ווי אזוי ער קען אים מקרב זיין, ער איז דער וואס האט די קוואליפיקאציע, ער זאל איבערנעמען דעם פלאץ פון משה רבינו. לא כך עלתה במחשבה לפני, קח את יהושע, נעם יהושע, איש אשר רוח בו, ער איז איינער וואס קען גיין כנגד

רוחו של כל אדם, ונתת מהודך עליו. וואס איז געווען דער הוד פון משה רבינו? דער והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), נעם דעם הוד וואס איז דא אויף דיר, און דאס זאלסטו צוגעבן צו יהושע, יהושע וועט קענען ערזעצן פני משה כפני חמה, ופני יהושע כפני לבנה.

**לענינינו**, דער חשובער דיין וואס מען האט אויפגענומען, אויסער זיין גרויסקייט אין תורה, עס איז דאך פקיע שמיה, ער זיצט דאך דא אין בית המדרש. עס איז נישט דער ערשטער טאג וואס ער איז דא יעצט, מען קען אים שוין פון א גאנץ יאר, די שיעורים וואס ער האט געגעבן, און די שיעורים וואס ער האט געגעבן ביי אונז אין בית המדרש, תורה איז דא! דאס האט מען געוואוסט ביז יעצט אויך. אבער ער האט אויך די מעלות פון יהושע. דאס צוגעלאזנקייט, די ענוה און דאס שפלות רוח, דער שייף עייל שייף נפיק, ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, פארמאגט ער אויך. ער האט אין זיך די מעגליכקייטן ער זאל קענען ערזעצן, אזוי ווי משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, און אזוי ווייטער דור אחר דור, יעדער מנהיג וואס שטייט אויף ביי יודען, יעדער מורה הוראה וואס איז דא ביי יודען, איז דאך ממשיך דעם שלשלת הזהב פון משה רבינו. זאל ער קענען ווייטער אויך ממשיך זיין די גאלדענע קייט, און מרבה זיין הוראה בישראל. ער זאל נישט נכשל ווערן אין קיין שום הוראה, און קענען שטיין פארן ציבור מיט וואס עס פעלט אויס. איך בין זיכער אז מען וועט האבן א געוואלדיגע הנאה פון זיינע דברי תורה, און פון זיין וועג ווי אזוי ער לערנט מיט אנדערע. דער באשעפער זאל אים געבן, ער זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט נחת און הרחבת הדעת. און פארן רב'ן וויל איך וואונטשן, דער אייבערשטער זאל געבן, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין, מען זאל קענען צוענדיגן דעם בנין בקרוב, קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט נחת און הרחבת הדעת. אונז אלע זאל מיר זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מעריב בבית מדרשנו תפארת יהושע.

*

***יום רביעי פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נכנסו הנהלת כולל שומרי החומות להזמין את **רבינו שליט"א** להדינער השנתי, שיתקיים ביחד עם התמנות הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו לגבאי הכולל.

*

***יום חמישי פרשת אמור***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה. אחר כך מסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **זושא גאלד** הי"ו, שהתקיים באולם פערעדייס מענאר.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יהושע איצקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

*

***ערב שבת פרשת אמור***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **משה** נ"י בן הר"ר **יהושע איצקאוויטש** הי"ו, ולהבחור **פנחס אלימלך** נ"י בן הר"ר **זושא גאלד** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

אחא כך יצא **רבינו שליט"א** להלויה של הבתולה הקשישה מאטיל האפטער ע"ה, ואמר הקדיש לפני מטתה.

*

***שבת קודש פרשת אמור***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרב **חיים מאיר כ"ץ** שליט"א.